# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**8:02**
מוצאי שב"ק.....................**9:29**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................ישעיה ד'-ה'
בבלי.........................תמורה ח'
ירושלמי....................חלה כ"ה
תוספתא.............נדרים פרק א'
רמב"ם...שאר אבות הטומאות כ'

פרשת פנחס, כ"ג תמוז, מברכים חודש אב, אבות פרק א', שנת תשע"ט לפ"ק

שנה 8, גליון 46 (406)


# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם**, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט פִּנְחָס דַוְקָא בַּאקוּמֶען דֶעם שְׂכַר פוּן שָׁלוֹם?

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פּ') אַז שָׁלוֹם אִיז נָאר דָא וֶוען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן קֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְשְׁטֶעלְן, וֶוען מֶען קֶען צוּזַאמְשְׁטֶעלְן פֵייעֶר מִיט וַואסֶער. אָבֶּער וֶוען צְוֵויי דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם הֵייסְט דָאס נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם.

דָא בַּיי פִּנְחָס גֶעפִינֶען מִיר אַז מֶען הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן אַ זֵיידֶע וָואס הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דַוְקָא דָאס גֶעוֶוען פַאר אִים דִי גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת, אַז אֲפִילוּ זַיין זֵיידֶע הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז דִי פַארְקֶערְטֶע אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת.

דֶערְפַאר, אַזוֹי ווִי פִּנְחָס הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, פוּן אַזַא אָפְּשְׁטַאם וָואס מֶען הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר קוּמְט אִים אַזַא שְׂכַר, צוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה פוּן שָׁלוֹם, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ וֶוען עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּזַאם צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה פִּנְחָס ב')

***

**יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה, אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם.** דֶער בַּעַל הַטוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, "**וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם**", אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק "**וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים**", דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁייכוּת פוּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים.

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִּיק אִיז וֶוען עֶר קֶען וַוייזְן פַארְן גְרֶעסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן פַארְקֶערְט עֶר קֶען אוֹיךְ וַוייזְן פַארְן נִידֶערִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ.

דֶער צַדִּיק דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. דָאס קֶען נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק טוּן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ח) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל מֶען קֶען הַרְגֶ'נֶען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי תּוֹרָה וָואס מֶען זָאגְט. דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ זָאגְט מֶען דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע זַאךְ פַאר'ן נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, הָאט מֶען גֶע'הַרְגֶ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שְׁטֶעלְן אַזַא מַנְהִיג, **אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם**, אַמָאל דַארְף עֶר מְחַזֵק זַיין, אַרַיין בְּרֶענְגְן דִי אִידְן וָואס מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אֵיינֶעם אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער טוּן.

אוּן דָאס שְׁטֶעלְט צוּ דִי מְסוֹרָה דֶעם פָּסוּק, **וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים**, וָואס דֶער פָּסוּק רֶעדְט דָארְט פוּן אֵיינֶעם וָואס הַרְגֶ'ט בְּשׁוֹגֵג, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל מֶען קֶען מִיט דֶעם הַרְגֶ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן, נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק קֶען דָאס טוּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פִּנְחָס תשס"ה)

# מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

## אַ שֵׁיינֶער שִׁידוּךְ

חֲזַ"ל זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן י"ח:) אַז אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים, אוּן אִין כְּתוּבִים, זֶעעֶן מִיר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שִׁידוּכִים. אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל וַיֹּאמְרוּ מֵה' יָצָא הַדָּבָר". אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא". אוּן אִין כְּתוּבִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעגְרֵייט אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ פַאר יֶעדְן אִיד. יֶעדֶער בָּחוּר אוּן יֶעדֶע מֵיידְל הָאבְּן זֵייעֶר בַּאשֶׁערְטֶע אָנְגֶעגְרֵייטֶע שִׁידוּךְ פוּן הִימְל, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם זֶעעֶן מִיר אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן פִילֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וֶועלְכֶע עֶלְטֶערְן זִיךְ אוּן קֶענֶען נִישְׁט טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, ווִי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס?

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז אַז דִי מֶענְטְשְׁן אַלֵיין זֶענֶען שׁוּלְדִיג אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי טְרֶעפְן נִישְׁט זֵייעֶר שִׁידוּךְ. דֶער בָּחוּר אוּן דִי מֵיידְל וַוארְטְן נָאר צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שִׁידוּךְ, עֶפֶּעס אַזוֹינְס וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אֵיינֶעם מִיט אַלֶע סָארְט

<<<<<<

# א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז 'כַּעַס' אוּן 'גֶעלְט' קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ אוּן יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ רַייכְטוּם, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע - וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן רַייךְ - אוּן בְּרֶענְגְט אִים אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף פַארְלִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַז כַּעַס אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דִי כַּעַס וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין עֲשִׁירוּת - דָאךְ רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף, מַמָּשׁ מֶען פַארְלִירְט דִי שֵׂכֶל, אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז דִי נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סח).

וֶוען אֵיינֶער רֶעגְט דִיר אוֹיף, אַנְשְׁטָאט וֶוערְן בְּכַּעַס אוּן פַארְלִירְן דִי עֲשִׁירוּת בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת - זָאלְסְטוּ אָנְקוּקְן יֶענֶעם מִיט רַחֲמָנוּת, וֶועט דִי גַאנְצֶע כַּעַס אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן יח, אוֹת ב) דֶער וָואס דְרֵייט אִיבֶּער פוּן כַּעַס אוֹיף רַחֲמָנוּת אִיז זוֹכֶה צוּ אַ גוּט לֶעבְּן; יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט צוּ טוּן מִיט אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי מַעֲשֶׂה דָאס וָוארְט "רַחֲמָנוּת" טוֹישְׁט זִיךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בָּלָק תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וְוִי אַזוֹי וֶוער אִיךְ פָּטוּר פוּן מַיין סְמַארְטְפָאוּן ?



**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, סְ'גֶעבְּט מִיר חִיזּוּק אוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶטְלִיכֶע יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה ב"ה, מִיט עֶטְלִיכֶע זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ ב"ה. לֶעצְטְנְס הָאב אִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוּן, עֶס אִיז גֶעפִילְטֶערְט אוּן אִיךְ נוּץ אִיךְ נָאר אִין שְׁטוּב, אוּן אוֹיךְ מַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן דֶערְמִיט צוּ קוּקְן נַייעֶס, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיךְ גֶענוּצְט נָאר פַאר דֶעם צוּ קוּקְן נַייעֶס.

דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּקְרוֹיזְן דֶעם פִילְטֶער, אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, אוּן אִיךְ פַאל לֵיידֶער אַסַאךְ דוּרְךְ. אִיךְ וֵוייס אַז אִיר גֵייט מִיר זָאגְן אִיךְ זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם פָאוּן, אָבֶּער קוֹדֶם אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג צוּ טוּן סְתַּם אַזוֹי, אוּן צְוֵוייטְנְס וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן פַאר מַיין וַוייבּ, פַארְוָואס ווִיל אִיךְ עֶס אַוֶועקְוַוארְפְן? זָאל אִיךְ דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען זִי אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ נוּץ אִיךְ עֶס פַאר דִי עֶרְגְסְטֶע, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן?! זִי וֵוייסְט דָאךְ אַז עֶס אִיז גֶעפִילְטֶערְט.

אוּן דָאס עֶרְגְסְטֶע אִיז אַז אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס שַׁאדְט מִיר זֵייעֶר פַאר מַיין שָׁלוֹם בַּיִת. בִּיטֶע רַאטֶעוֶועט מִיר!

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר אַ בִּיטֶערֶע צָרָה וָואס רוּפְט זִיךְ "אִינְטֶערְנֶעט"; דָאס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן. זֵייעֶר אַסַאךְ זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה דוּרְךְ דִי צָרָה, אוּן אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער זֶענֶען צֶעפַאלְן פוּן דֶעם, וַוייל וִוי נָאר מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען אִיז מְטַמֵּא דִי אוֹיגְן - בְּרֶענְגְט דָאס אַז מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת.

אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ט:): "שִׁמְשׁוֹן הָלַךְ אַחַר עֵינָיו", שִׁמְשׁוֹן הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן, "לְפִיכָךְ נִקְּרוּ פְּלִשְׁתִּים אֶת עֵינָיו", דֶערְפַאר הָאבְּן דִי אַרַאבֶּער אוֹיסְגֶעשְׁטָאכְן זַיינֶע אוֹיגְן; וֶוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן וֶוערְן דִי אוֹיגְן אוֹיסְגֶעשְׁטָאכְן פוּן דִי קְלִיפּוֹת. זֵיי פַארְשְׁטֶעלְן דֶעם אֱלוֹקוּת אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט מֶער קַיין גֶעטְלִיכְקֵייט, עֶס וֶוערְט טוּנְקְל אִין דִי אוֹיגְן אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

זֵיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין פְרַאגֶע; דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן וָואס אִיז אָפְן צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ? וָואס אִיז דַיין פְרַאגֶע בִּכְלָל?! דוּ אַלֵיינְס שְׁרַייבְּסְט דָאךְ אַז זַייט דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת שַׁאדְט דָאס צוּ דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן דִי רֵיינְקֵייט אִין שְׁטוּבּ. דַיין קָאפּ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ רַחֲמָנָא לִצְּלָן, דֶעמָאלְט וָואס אִיז בִּכְלָל דַיין שְׁאֵלָה? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ הַאלְטְן אִין טָאשׁ אַ זַאךְ וָואס מַאכְט קַאלְיֶע דַיין אֵייבִּיגֶע לֶעבְּן, דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ'? אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער קוּקְן עֲבֵירוֹת וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן, דוּ וֶועסְט זִיךְ גֶט'ן אוּן בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט.

מִיר דַארְפְן וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר זָאל קוּקְן וואוּ מֶען לִיגְט אוּן וָואס מֶען קוּקְט רַחֲמָנָא לִצְּלָן. יֶעדֶע נַאכְט בַּיי חֲצוֹת וֵויינֶען מִיר אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן (אֵיכָה א, טז): "עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה", אוֹיף דֶעם וֵויין אִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, "עֵינִי עֵינִי יֹרְדָה מַּיִם", אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן וָואס אִיךְ הִיט נִישְׁט; אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם: "כִּי רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אַז אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז: "מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית. "הָיוּ בָנַי שׁוֹמֵמִים", אִיךְ זִינְדִיג אִין פְּגַם הַבְּרִית, "כִּי גָבַר אוֹיֵב", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף מִיר; אַלֶעס צוּלִיבּ: "עֵינִי עֵינִי", אַז מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט רֵיין.

וֶוען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים וָואלְטְן דָאס גֶעהַאט אִין זֵייעֶר דוֹר וָואלְטְן זֵיי דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן; דֶער ס"מ הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפּ וַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען שַׁאפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוּן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדּוֹמֶה לָזֶה אוּן מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ. מֶען זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן מֶען קוּקְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְּלָן - אַזוֹי ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. אִין אָנְהֵייבּ זֶעט עֶס אוֹיס זֵייעֶר גוּט, עֶס צִיט זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס גְלַאנְצְט אוּן עֶס שְׁמֵייכְלְט צוּם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער וֶוען מֶען בַּייסְט אַרַיין אִין דֶעם, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן, וַוייל פְּגַם הַבְּרִית מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ דֶעפְּרֶעסְט אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג.

וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן ווִי פְרִיעֶר. וָואס מֵיינְסְטוּ, דַיין וַוייבּ אִיז טַאקֶע אַזָא נַאר? דוּ מֵיינְסְט אַז זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ קוּקְסְט? זִי וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט וֶוער דוּ בִּיסְט, זִי שְׁפִּילְט מִיט דִיר אַ שְׁפִּיל, זִי שְׁטֶעלְט אַ פָּנִים ווִי זִי וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, וֶוען בֶּאֱמֶת וֵוייסְט זִי גָאר גוּט וֶוער דוּ בִּיסְט; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיינֶער וָואס קֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי גוּט ווִי דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ עֶס אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ, בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין קַיין כְּלֵי שׁוֹפְכִין אִין שְׁטוּבּ. נָאכְדֶעם צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן אַ גְמָרָא הֵייבּ אָן לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט אוֹיפְן קוֹל פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, גְמָרָא הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "'תַּלְמוּד' בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערִיבֶּער הָאסְטוּ אָפְּגֶעמַאכְט אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט מֶער נִישְׁט אַרַיין אַ סְמַארְטְפָאוּן אִין שְׁטוּבּ; דוּ הָאסְט זִיךְ בַּארֶעכְנְט צוּ פָאלְגְן וָואס דִי רַבָּנִים זָאגְן.

מֵיין נִישְׁט אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן וַוייטֶער דִי נִסָּיוֹן; עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג זִיךְ אַרוֹיס צוּ רַייסְן פוּן דֶעם, בִּפְרַט וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען וְכוּ' וְכוּ' - שְׁפִּירְט מֶען כְּסֵדֶר וִוי מֶען ווִיל צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דֶעם, זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה וֶועט דִיר דָאס הִיטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל.): "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ רְפוּאָה פַארְ'ן יֵצֶר הָרַע, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז אַ מֶעדִיצִין קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, "וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה פַאלְט מֶען נִישְׁט אַרַיין אִין זַיינֶע הֶענְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' פִּנְחָס תשע"ט)

>>>>>>

מַעֲלוֹת וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועלְט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וַווארְט אוּן מֶען וַווארְט, אוּן אִינְצְוִוישְׁן לוֹיפְן דוּרְךְ לַאנְגֶע חֳדָשִׁים אוּן יָארְן, אוּן מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם שִׁידּוּךְ.

דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז נָאר אֱמוּנָה. אַ אִיד דַארְף גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אַזוֹי, אָבֶּער גָאר סְפֶּעצִיעֶל אִיז דָאס אַזוֹי בַּיי שִׁידּוּכִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זָארְגְט זִיךְ צוּזוּשְׁטֶעלְן אַ שִׁידּוּךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. נָאר וֶוען מֶען טְרָאגְט אָן דֶעם שִׁידּוּךְ, זָאגְט מֶען עֶס אָפּ מִיט נַארִישֶׁע תֵּירוּצִים, וַוייל עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט דֶעם אוֹיסְגֶערוּפֶענֶעם כָּבוֹד, גֶעלְט, אָדֶער יִחוּס, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וַוארְפְט מֶען אַוֶועק דֶעם רִיכְטִיגְן שִׁידּוּךְ מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט.

אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אַז זַיין שִׁידּוּךְ אִיז בַּאשֶׁערְט פוּן הִימְל, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּזָאגְן אַ שִׁידּוּךְ אַזוֹי לַאנְג וָואס דֶער וֶועמֶען מֶען טְרָאגְט אָן אִיז גֶעזוּנְט אוּן נָארְמַאל. וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אוֹיבּ אִיז דֶער שִׁידּוּךְ נִישְׁט בַּאשֶׁערְט וֶועט עֶס סַיי ווִי נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן. עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אִים זִיכֶער אוּנְטֶער נָאר זַיין רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע.

דֶער גַאנְצֶער זַאךְ פוּן שִׁידּוּכִים אִיז פוּל מִיט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת פוּן גִלְגוּלִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין. מֶען דַארְף אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט זִיכֶער וָואס עֶס אִיז גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ הָאט מֶען אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידּוּךְ טָאר מֶען עֶס נִישְׁט אָפְּזָאגְן אוּן זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט תֵּירוּצִים. קוֹדֶם זָאגְט מֶען "יָא", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שׁוֹין פִירְן אַז אוֹיבּ אִיז עֶס נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע זָאל עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן. ווִידֶער אוֹיבּ זָאגְט מֶען "נֵיין", אוּן עֶס אִיז טַאקֶע יָא דִי רִיכְטִיגֶע, וֶועט מֶען מוּזְן דוּרְכְגֵיין אַסַאךְ צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דֶער שִׁידּוּךְ סַיי ווִי אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַזוֹי.

חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס"ג.) "נְחוֹת דַּרְגָּא וּנְסִיב אִיתְּתָא" - גֵיי אַרָאפּ אַ טְרֶעפְּל אוּן הָאבּ חֲתוּנָה מִיט אַ פְרוֹי. דָאס מֵיינְט אַז ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, אִיז עֶר נָאר פַארְנוּמֶען צוּ זָאגְן אַז דֶער שִׁידּוּךְ פַּאסְט אִים נִישְׁט, אוּן יֶענֶער שִׁידּוּךְ טוֹיג נִישְׁט, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ יָארְן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין שִׁידּוּךְ. דֶערִיבֶּער לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶער חֲכָמִים אַז אֵיידֶער מֶען זוּכְט אַ שִׁידּוּךְ דַארְף מֶען אַרָאפְּגֵיין אַ טְרֶעפְּל, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן דַאן וֶוען מֶען גְרִינְגֶערְהֵייט טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידּוּךְ.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּ הַאלְטְן אַזוֹי גְרוֹיס? דָאס קוּמְט נָאר פוּן אֱמוּנָה. וֶוען מֶען נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן הַאלְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען קֶען אַלֶעס אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אוּן אוֹיסְפִירְן, נָאר מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען לָאזְט זִיךְ פִירְן פוּן אִים. אוּן וֶוען מֶען הֶערְט פוּן אַ שִׁידּוּךְ וֶועט מֶען זִיךְ נָאר פְרֵייעֶן אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וָואס אִיז מַסְכִּים זִיךְ מְשַׁדֵּךְ צוּ זַיין מִיט אִים, אוּן מֶען וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שִׁידּוּכִים.

אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט זִיךְ אָפּ אוּן אִיז צוּבְּרָאכְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַזוֹיפִיל יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין שִׁידּוּךְ. עֶס זֶענֶען דָא גֶענוּג שִׁידּוּכִים פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ - מִיט זַיין נַארִישֶׁע גַאֲוָה - וַוארְפְט אַלֶעס אַוֶועק מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט.

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת אַחֲרֵי) אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן נָדָב אוּן אֲבִיהוּא אַז זֵיי הָאבְּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט: "אוּנְזֶער פֶעטֶער אִיז דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן, אוּנְזֶער טַאטֶע אִיז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל, אוּנְזֶער מַאמֶע'ס בְּרוּדֶער אִיז אַ נָשִׂיא, אוּן מִיר אַלֵיין זֶענֶען סְגָנֵי כְּהוּנָּה, נוּ וֶועלְכֶע פְרוֹי פַּאסְט דֶען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אוּנְז אוֹיבּ מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְרוֹיס?"

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פָּרָשָׁה ס"ח) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיצְט אוּן מַאכְט לֵייטֶערְס, דֶעם הוֹיבְּט עֶר אוֹיף אוּן דֶעם נִידֶערְט עֶר אַרָאפּ, בִּיז זֵיי בֵּיידֶע

<<<<<<

<<<<<<
מוּזְן מַסְכִּים זַיין צוּם שִׁידוּךְ. מֶענְטְשְׁן מוּזְן נֶעבֶּעךְ דוּרְכְגֵיין שְׁוֶועְרֶע צָרוֹת בִּיז זֵיי בְּרֶעכְן זִיךְ אוּן זֶענֶען מַסְכִּים צוּ אַ שִׁידוּךְ, אוּן וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעהַאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אַז אַ שִׁידוּךְ אִיז בַּאשֶׁערְט, אוּן זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט אָפְּגֶעזָאגְט קַיין שִׁידוּכִים אַזוֹי לַייכְט, דַאן וָואלְטְן זֵיי זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן גָאר אַסַאךְ צָרוֹת.

וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, וֶועט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שִׁידוּךְ צוּלִיבּ גֶעלְט, אָדֶער וַוייל מֶען וִויל וַוארְטְן דַוְקָא אוֹיף אַ שִׁידוּךְ וָואס זָאגְט צוּ אַ גְרוֹיסְן נַדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס דַארְף אַ אִיד מְקַיֵּים זַיין מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אָפְּגֶעזֶען צִי עֶס אִיז יָא דָא גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ט) אַז דִי פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פוּן וואוּ מֶען וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אוּן פַּרְנָסָה צוּ קֶענֶען לֶעבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אַדְרַבָּה נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועט מֶען עֶרְשְׁט הָאבְּן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה אִין זְכוּת פוּן דִי פְרוֹי.

נָאךְ אַ נַארִישֶׁע תֵּירוּץ נוּצְן גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן אָפְּצוּזָאגְן שִׁידוּכִים, דָאס אִיז צוּלִיבּ דִי אָפְּשְׁטַאם אָדֶער קְרֵייז פוּן דִי בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל. מֶען וִויל נִישְׁט נֶעמֶען אַ שִׁידוּךְ פוּן אַ פַאמִילְיֶע וָואס קוּמְט פוּן אַן אַנְדֶערֶע קְרֵייז, פוּן אַן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת, אָדֶער פוּן אַן אַנְדֶערֶע אָפְּשְׁטַאם. דָאס אִיז נָאךְ אַן עֵצָה פוּנֶעם ס"מ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן שִׁידוּכִים בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן דִי אִידְן קוּמֶען פוּנֶעם זֶעלְבְּן כִּסֵא הַכָּבוֹד, אוּן דָארְט זֶענֶען אַלֶע אִידְן אֵיינִיג, דָארְט אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וואוּ מֶען קוּמְט, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ אָפְּצוּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ מִיט דֶעם נַארִישְׁן אוֹיסְרֵייד.

דֶער שִׁידוּךְ פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב'.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אוֹיס "בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי". דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם שִׁידוּךְ מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט צוּלִיבּ זַיין נַארִישֶׁע כָּבוֹד אוּן גַאֲוָה. אֵיידֶער מֶען וִויל אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ צוּלִיבּ אַ חִסָרוֹן וָואס מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן, זָאל מֶען זִיךְ קוֹדֶם גוּט אַרַיינְקוּקְן אִין שְׁפִּיגְל צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען אִיז אַלֵיין יָא אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גוּט אָן קַיין שוּם חֶסְרוֹנוֹת. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט חֶסְרוֹנוֹת, נָאר דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי אֵייגֶענֶע חֶסְרוֹנוֹת זֶעט מֶען נִישְׁט, אוּן יֶענֶעמְ'ס חֶסְרוֹנוֹת זֶעט מֶען יָא.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט גְרִינְג אוּן שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר אוֹיךְ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶס וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

## אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס

מוֹהֲרָא"ש פְּלֶעגְט זִיךְ גָאר אַסַאךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט שִׁידוּכִים, צוּ זֶען אַז עֶס זָאל וֶוערְן שִׁידוּכִים בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, שׁוֹין אִין דִי דְרַייסִיגֶער יָארְן, וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטְרָאגְן גָאר אַסַאךְ שִׁידוּכִים, אוּן עֶר הָאט אֵייבִּיג גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס גוּטֶע תֵּירוּצִים פַארְוָואס אָפְּצוּזָאגְן דִי שִׁידוּכִים. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים פְּרוּבִּירְט אִיבֶּערְצוּרֶעדְן אַז עֶר זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ, אוּן דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ נָאר פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן מִיט אַלֶע סָארְט תֵּירוּצִים, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ מוֹהֲרָא"ש: "אִיךְ קוּם דָאךְ פוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס, אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן טוּרֵי זָהָב, עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר מִיר צוּ טוּן אַ פָּשׁוּטֶער שִׁידוּךְ"... הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעעֶנְטְפֶערְט: "גְרַאדֶע אִיז דִי מֵיידְל אוֹיךְ פוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס, זִי אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן מָגֵן אַבְרָהָם"... וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז זִי אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית ט"ו) "וְאָנֹכִי מָגֵן לָךְ"...
<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מַיין לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק צָרוֹת, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

*שְׁאֵלָה:*

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער צוּ בַּאדַאנְקֶען, אוּן סְ'אִיז נִישְׁטָא דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, פַאר אֵייעֶר גֶעטְרֵייַשַאפְט צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס אוּן עֶר וֶועט אֵייךְ זִיכֶער בַּאצָאלְן.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ קוּם פוּן זֵייעֶר אַ צֶעפָּארֶענֶע צֶעפְּרַאסְקֶעטֶע שְׁטוּבּ. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, מִיר הָאבְּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד, סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אִין שְׁטוּבּ, מַיין מַאמֶע שְׁרֵייט אַסַאךְ אוֹיף מִיר אִין פָּארְנְט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְטְס טוּן, מַיינֶע בְּרִידֶער שְׁלָאגְן מִיר כְּסֵדֶר אוּן יֶעדֶע פָּאר טֶעג דַארְף אִיךְ אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ, אוּן צוּ דֶעם אַלֶעם אִיז מַיין טַאטֶע לֶעצְטְנְס קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן לִיגְט אִין שְׁפִּיטָאל. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין זֵיידֶע בַּאבֶּע צוּ וֶועמֶען אִיךְ קֶען גֵיין, מַיין סֶעמִינַאר הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין, אוּן מַיין לֶעבְּן אִיז אִינְגַאנְצְן חָרוּב. שַׁבָּת דַארְף אִיךְ זִיךְ אַלֵיין צוּשְׁטֶעלְן, אוּן נִיטְאַמָאל עֶסְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט.

אִיךְ מוּז הָאבְּן חִיזוּק זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, מַיין הַארְץ אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוַואךְ פוּן אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים טָאג טֶעגְלִיךְ, אוּן אִיךְ הָאף זֵייעֶר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פָּרְשַׁת בָּלָק, י"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצד): "אַחַר כָּל הַיִּסּוּרִים, אַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵטִיב עִמָּנוּ", נָאךְ אַלֶע יִסוּרִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן, "רַק שֶׁאֵין אָנוּ רוֹצִים לְהַקְטִין אֶת הַיִּסּוּרִים", נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וִויל זִיךְ נִישְׁט גְרִינְגֶער מַאכְן מִיטְ'ן אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים. אֲפִילוּ מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בֶּאֱמֶת שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יִסוּרִים, "אֲבָל נֶגֶד דְּבֵקוּת אֶחָד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַה שֶּׁזּוֹכִין לְאֵיזֶה בְּחִינָה שֶׁל דְּבֵקוּת בְּמַחֲשָׁבָה אוֹ בִּבְחִינָה אַחֶרֶת", אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נֶענְטֶער דוּרְךְ דֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כָּל הַיִּסּוּרִים אֵינָם כְּלוּם נֶגֶד זֶה", אִיז אַלֶע יִסוּרִים גָארְנִישְׁט אַנְקֶעגְן דֶעם, "וְעַל יָדָם בְּעַצְמָם מִתְקָרְבִים וּמִתְדַּבְּקִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", וַוייל דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "כִּי נוֹטְלִין מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת גּוּפִי, מִי נוֹטֵל מִמֶּנִּי הַבְּרִיאוּת? הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ! אִם כֵּן אֲנִי נִדְבָּק בּוֹ יִתְבָּרַךְ", מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'וֶוער מַאכְט מִיר דִי אַלֶע וֵוייטָאג? וֶוער נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיין גֶעזוּנְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס בְּרֶענְגְט מִיר דָאךְ דִי יִסוּרִים, אוֹיבּ אַזוֹי וֶוער אִיךְ נֶענְטֶער צוּ אִים. "וְכֵן כְּשֶׁלּוֹקְחַ חַס וְשָׁלוֹם, אֵיזֶה בֵּן; מִי לוֹקֵחַ? הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ! אִם כֵּן אַדְּרַבָּא עַתָּה הוּא סָמוּךְ יוֹתֵר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בָּעוֹלָם הַבָּא סְמוּכִין יוֹתֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען פַארְלִירְט אַ קִינְד אוּן מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'וֶוער הָאט דָאס מִיר אַוֶועק גֶענוּמֶען? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אוֹיבּ אַזוֹי וֶוער אִיךְ דָאךְ נֶענְטֶער צוּ אִים, עַיֵּין שָׁם.

אַז אִיר וִוילְט אַבִּיסְל חִיזוּק זָאלְט אִיר אַרַיין קוּקְן אִין צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, וֶועט אִיר אַנְדֶערְשׁ רֶעדְן אוּן טְרַאכְטְן. אִיךְ בְּרֶענְג אֵייךְ אַרָאפּ אַ שְׁטִיקְל וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט וֶועגְן זַיינֶע יִסוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן אִין זַיין לֶעבְּן אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיי אוּנְז אַלֶע מִיר זָאלְן אָנְנֶעמֶען בְּאַהֲבָה וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז יִסוּרִים:

צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת י"ד: "מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל יִסוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין שׁוּם גֻּזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵויינִיג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה' אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז וָואס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע פִילֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, תֵּצֵא): "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחֲזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" – אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרֵי, וָאֶתְחַנַּן): "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסּוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָוֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסּוּרִין נִמְחָל לוֹ" – אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס יָא אָפְּמֶעקְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת".

נָאךְ אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער קוּקְט מֶען שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט; מֶען הֵייבְּט אָן זֶען וָואס מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אוּן מִיט דֶעם אַלֶעמֶען הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאזְן אִין אוּנְז אַ גֵייסְט מִיר זָאלְן וֶועלְן לֶעבְּן אוּן מִיר זָאלְן מַאכְן אַנְדֶערֶע זָאלְן לֶעבְּן. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶר הָאט דָאס אַלֶעס גֶעקֶענְט טוּן נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער אַז אִיר וִוילְט אַרוֹיס גֵיין פוּן אֵייעֶרֶע צָרוֹת זָאלְט אִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, גֶעוואוֹינְטְס זִיךְ צוּ צוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אֵייעֶר הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זוּכְט אוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אֵייעֶר לֶעבְּן; הֵייבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס אִיר הָאט אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן דָאס לֶעבְּן. אֵיינְמָאל אִיר וֶועט אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵייעֶרֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶועט אַלֶעס זַיין גְרִינְגֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט נָאכְן בַּאגְלֵייטְן זַיין זוּן הָרַב הַצַּדִּיק רֶבִּי מֵאִיר נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַ קְלַאפּ אִין רוּקְן אוּן וֶוען עֶר דְרֵייט זִיךְ אוֹיס זֶעט עֶר אַז זַיין לִיבֶּער חָבֵר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם קְלַאפּ טוּט עֶס נִישְׁט וֵויי, מֶען נֶעמְט דָאס וִוי אַ פְרַיינְדְלִיכֶע בַּאגְרִיסוּנְג, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ, מַיין זוּן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג, אָבֶּער אִיךְ גֶעבּ אַ קוּק: 'וֶוער קְלַאפְּט מִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס', דֶערְפַאר טוּט עֶס נִישְׁט וֵויי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בָּלָק תשע"ט)

**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**




BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

אֵיינְמָאל וֶוען מוֹהַרָא"ש אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אַ שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן בַּיי אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאט מוֹהַרָא"ש גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט: "דָאס וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין דֶער גְרֶעסְטֶער מְחוּתָּן בַּיי דֶעם שִׁידוּךְ". וַוייל דֶער בָּחוּר הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעוָואלְט מַסְכִּים זַיין צוּם שִׁידוּךְ צוּלִיב זַיינֶע נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת אוּן אַיינְרֶעדֶענִישְׁן, אוּן מוֹהַרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ בִּיז עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

מוֹהַרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן דֶערְצֵיילְט אַז עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צֵייט צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער, וַוייל עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פוּן מְיוּחָס'דִיגֶע פַאמִילְיֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט דַוְקָא גָאר אַ שֵׁיינֶע יִחוּס, בִּיז צוּם סוֹף הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ שֵׁיינֶע מְיוּחָס'דִיגֶע מִשְׁפָּחָה מִיט וֶועמֶען עֶר הָאט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען, אָבֶּער קוּרְצְלִיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָּה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער חָתָן אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶר אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן בַּיים דַעַת, אוּן דִי נַייעֶ פָּאר-פָאלְק הָאט זִיךְ לַיידֶער גֶעמוּזְט גֶט'ן.

דֶער גֶט אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט גָאר אַסַאךְ צַעַר, עַגְמַת נֶפֶשׁ, אוּן בִּזְיוֹנוֹת. מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּעוֹת אוֹיף זַיין טָאכְטֶער, אַזוֹי ווִי עֶס פַּאסִירְט לֵיידֶער זֵייעֶר אַסַאךְ בַּיי אַזֶעלְכֶע פֶעלֶער וֶוען אֵיינֶער וִויל נָאר בַּאגְרָאבְן דֶעם צְוֵוייטְן. אוּן נָאךְ פִילֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקְייטְן הָאט מֶען אִים אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער פוּן אַ וַוייטֶע לַאנְד, אוּן פוּן גָאר אַ פְּשׁוּטֶע פַאמִילְיֶע, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם שִׁידוּךְ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז בִּכְלַל מַסְכִּים צוּ זִיךְ צוּ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים, אוּן אַזוֹי קֶענֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי בִּזְיוֹנוֹת.

דֶער אִיד הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרָא"ש: "אִיךְ וָואלְט קֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ אַזַא סָארְט שִׁידוּךְ, דָאס לֶעבְּן הָאט מִיר אָבֶּער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קֵיין סַאךְ שְׁאֵלוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט סֵיי ווִי מוּזְן טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל".

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ זִוּוּגִים)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוען עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.**

**קסו**

אִין יֶענֶע יָארְן, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים זַיין בְּרוּדֶער ר' יְחִיאֵל. עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער חָסִיד פוּן רֶבִּי'ן, צוּלִיב אַ מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה.

אֵיינְמָאל אִיז ר' יְחִיאֵל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אַ שַׁבָּת, עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי סְעוּדָה פְרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן ס'אִיז אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפָאלְן. וֶוען עֶס אָבֶּער גֶעקוּמֶען צוּ דִי צוּפְרִי סְעוּדָה, הָאט דֶער עוֹלָם גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט'ן רֶבִּי'ן, מ'הָאט דֶערְצֵיילְט סְתָּם מַעֲשִׂיוֹת פוּן דָא אוּן דָארְט, אוּן דָאס הָאט שְׁטַארְק נִישְׁט גֶעפָאלְן פַאר ר' יְחִיאֵל, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיט'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם אַז בַּיי דִי סְעוּדָה צוּפְרִי הָאט מֶען סְתָּם פַארְבְּרֶענְגְט דִי צֵייט מִיט מַעֲשִׂיוֹת.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "דוּ גֶעדֶענְקְסְט אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מ'הָאט דֶערְצֵיילְט בַּיים טִישׁ שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי?". ר' יְחִיאֵל הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אַלֶעס, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ גֶעדֶענְק יָא אַלֶעס". אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי פַארְשְׁלָאסְן דִי טִיר פוּן צִימֶער, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מְסַדֵּר זַיין פַאר זַיין בְּרוּדֶער אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מ'הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן עֶר הָאט אִים אַבִּיסְל עֶרְקְלֶערְט וָואס עֶס לִיגְט אוּנְטֶער דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת, ס'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין פְּשׁוּטֶע מַעֲשִׂיוֹת, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער שְׁמוּעֶס פַארְצוֹיגְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט, בִּיז אִין טָאג אַרַיין; מ'הָאט גָארְנִישְׁט בַּאמֶערְקְט ווִי דִי צֵייט לוֹיפְט אַרִיבֶּער, וַוייל דִי לָאדְנְס זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְמַאכְט.

דֶערְוַוייל הָאט מֶען אַ קוּק גֶעטוּן אוֹיפְ'ן זֵייגֶער אוּן גֶעזֶען אַז ס'אִיז שׁוֹין לַאנְג טָאג, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער שְׁמוּעֶס גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן ר' יְחִיאֵל אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט מוֹרָא'דִיג אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט פוּן הִתְרַגְּשׁוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ. פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, נָאר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט, פוּן דִי גְרוֹיסֶע תְּשׁוּקָה אוּן גַּעֲגוּעִים אוּן הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס מִיט'ן רֶבִּי'ן אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיים רֶבִּי'ן פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

**קסז**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן נָאר פוּן עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, בִּיז עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַ חֵשֶׁק אוּן אַ רָצוֹן אַז זֵיי זָאלְן אִים אוֹיךְ נָאכְטוּן, אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת.

אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּי'נְ'ס מֶענְטְשְׁן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר אִים אַז עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין פַּרְנָסָה. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיר הָאט דִי הַארְץ מִיר צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דִי וֶועלְט. אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי ווִי אֵיינֶער וָואס גֵייט טָאג אוּן נַאכְט אִין מִדְבָּר, אִין דִי וִויסְטֶענִישְׁן, אוּן עֶר וִויל דָארְט מַאכְן אַ שֵׁיינֶעם יִשּׁוּב. אִין אֵייעֶר הַארְץ אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ מִדְבָּר, ס'אִיז פּוּסְט אוּן וִויסְט, אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דָארְט אַ שְׁטִיקְל יִשּׁוּב, אַז דִי שְׁכִינָה זָאל דָארְט קֶענֶען ווָאוֹינֶען. וִויפִיל כּוֹחוֹת אוּן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ גְלַאט שְׁטִיקְל גְרָאבֶּע הָאלְץ, צוּ מַאכְן דֶערְפוּן שֵׁיינֶע נוּצְבַּארֶע כֵּלִים? וִויפִיל דַארְף מֶען זִיךְ פְּלָאגְן בִּיז מ'צֶעהַאקְט עֶס, מ'הוֹיבְּלְט עֶס אָפּ, אוּן מ'שְׁנַיידְט עֶס שֵׁיין אַרוּם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע מִיט פַארְשִׁידֶענֶע אַרְבֶּעטְס גֶעצֵייג צוּ מַאכְן דֶערְפוּן עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע כְּלִי; אוּן מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע דַארְף אִיךְ זִיךְ אָנְפְּלָאגְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אֵייךְ, בִּיז אִיךְ קֶען שׁוֹין זֶען דִי פֵּירוֹת פוּן מַיין אַרְבֶּעט, ס'זָאל וֶוערְן פוּן אֵייךְ עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע כְּלִי; אוּן דֶערְוַוייל קוּמְט אִיר גָאר מִיר מְבַלְבֵּל זַיין מִיט אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייטְן?!".

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### מ'קען שוין קויפן זיצן אין בית המדרש אין אומאן

מיט יעדן טאג נענטער צו ראש השנה, ווערט גרעסער די התרגשות און התעוררות ביי אידישע קינדער צו פארן קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, זוכה צו זיין צו די געוואלדיגע הבטחות וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, צו נעמען דעם הייליגן רבי'ן פאר אן אדוואקאט ביים גרויסן יום הדין, צו ווערן אנגעשריבן אין הימל פאר א זיס ליכטיג יאר אן קיין פראבלעמען און צרות חס ושלום.

ביים נייעם בנין היכל הקודש אין אומאן גייט אן פיבערהאפטיג די ארבעט צוצוגרייטן אלעס על צד היותר טוב צו זיין גרייט אויף ראש השנה פאר אנשי שלומינו וואס ווילן פארברענגען דעם יום טוב אין אן אפגעזונטערטן אפגעהיטענעם פלאץ, צוזאמען בדיבוק חברים, מיט דרשות און התחזקות פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אלע בעטן אינ'ם בנין זענען שוין אפגעדינגען געווארן אויף דעם יאר, און יעצט קען מען שוין דינגען זיצן אינעם גרויסן היכל בית המדרש פאר די ווארעמע תפלות אום שבת ויום טוב.

צו דינגען א זיץ קען מען רופן אדער טעקסטן 347-770-2290.

**ויאמרו הנה יום הדין!**


## אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

**~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~**

אייער פריינד

אלי קנאלל

Plan it Rite

**718-506-4341** Travel the right way

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אהרן וועבערמאן** הי"ו

צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב

הבחור **נחמן יואל** נ"י

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**